גלגולים נומ' 3 (סיון 1932)

אָבער שמייכלען. דאָך די האַנט פון אינקוויזיטאָר דאַרף דיך מער נישט דערגרייכן. דו וועסט פאַרלאָזן רוים, מיינע געטרייע דינער וועלן דיך אַרויסבאַגלייטן... נאָר פאַרלאָז איטאַליען נישט, בלייב נישט ווייט פון מיר. איך וויל דיך האָבן נאָענט, דו ביזט מיין זעער, מיין צוקונפט-לייענער. בין שוין מיד פון דעם גערانגל מיט קייזער און קעניג, איך דערוואַרט פון דיר אַ צייכן... (קאָמאַנדיר קומט אַריין, פירנדיק אַ געשטאַלט, וואָס קאָן לייכט אָנגענומען ווערן פאַר דער געשטאַלט פון מלכו, פון קאָפּ ביז פיס איינגעוויקלט אין אַ קיטל, די הענט פאַרבונדן אויף הינטן. דער פויפּסט צום אָפיציר) גוט צוגעפּאַסט, אַ דאַנק. איצט באַגלייט אַרויס אָט דעם יונגן מענטש צוזאַמען מיט מיר, באַהאַלט אים, לאָז קיינעם צו אים נישט צו. און ביי דער נאַכט וועסטו מיר אים אַרויסבאַגלייטן פון רוים און צוזען, אים זאָל קיין שלעכטס נישט געשען. (צו מלכו) מיין זון, נעם מיין ברכה מיט. אָדער — גיב מיר דו דיין ברכה.

מלכו: דו זאָלסט דערלעבן דעם אָנקום פון משיח. (אָפּ מיט דעם אָפיציר.)

פויפּסט (לאַכט-אויף ביי מלכוס ברכה, מראַכט אַ ווײַלע און קלינגט אָן. גאַר אַמטער טרעט אַריין): שיק אַריין דעם אינקוויזיטאָר. (צאַמטער אָפּ. די געשטאַלט לאָזט אַרויס אַ קרעכץ ביים פויפּסט צאַפּעל און הייבט עטוואָס אויף דעם קאָפּ און סטייט אַזוי, ווען דער פויפּסט זאָגט אים:) גאָטס גענאָד קומט צו דיר פאַר דער צייט. דו האָסט נאָך לאַנג געזאָלט געפּייניקט ווערן, איצטער וועסטו באַלד באַפרייט ווערן פון פּיין. (אינקוויזיטאָר קומט אַריין) דאָ האָסטו דיין קרבן. איך האָב געפּרוווט ווירקן אויף אים, אָבער ער האָט זיך דערוועגט נאָך מער און מוראדיקער צו לעסטערן. האָב איך געהייסן אָנטון אים דעם קיטל איבערן קאָפּ, ער זאָל נישט קאָנען רעדן מער. איר זעט, ווי שטאַלץ ער האַלט זיך. ער האָט פאַר פייער קיין מורא נישט און וואָלט אונזער גלויבן געלעסטערט, אַלע אויערן זאָלן הערן. נעמט אים צו און טוט אים זיין פּסק, נאָר באַפרייט אים נישט זיין מויל, זיין צונג, וואָס קאָן פאַרפירן. האַלט זיין געזיכט פאַרדעקט. זיין שיינקייט זאָל קיין רחמנות נישט דערוועקן, און זעט צו, דאָס פייער זאָל אים נעמען.

אינקוויזיטאָר: ער וועט שוין ברענען! אין נאָמען פון גאָט און זיין זון און דעם הייליקן גייסט, אמן! (פירט אַוועק די געשטאַלט.)

פויפּסט (בלייבט אַליין, לאַכט אָפּ און פאַרזינקט אין געדאַנקען)

(סוף קומט)



# צו דער פראַגע וועגן דיכטונג און פּאָליטיק

די שנאה קאָן קיינ-
מאָל נישט גוט זיין
(שפּינאָזא, עטיק)

דער גייסט פון פּאָליטיק האָט אפשר נאָך קיינמאָל נישט אַזוי אַרומגעכאַפּט דעם מענטש ווי היינט. דאָס סאָציאַל-באַוווסטזיין וואַקסט. די איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן האָט פאַרלוירן איר אַבסטראַקטקייט. די מלחמה צווישן וועלט-פּראָלעטאַריאַט און דעם פאַשיזם דערנענטערט זיך. אַלץ קלענער ווערט די צאָל פון די דעז-אָריענטירטע. אידעאיש איז די אַרמעע פון דער צוקונפטיקער וועלט-שלאַכט שוין מאָביליזירט. די פּראָדוקציע פון געגנזייטיקער שנאה — די גייסטיקע מוניציע — איז אין פולן גאַנג. ציוויליסטישע פחדנות און סענטימענטאַלקייט זענען איצט נישט אין גוטן טאָן. די גאַסן זענען פול מיט ריטער.

די פּאָליטיקער פון ביידע צדדים, פאַר וועלכע דער מענטש איז קיינמאָל נישט קיין צוועק פאַר זיך, נאָר אַ מיטל, ציילן שוין זייערע סאָלדעס און מ'באַשטימט יעדן זיין אָנטייל אין דעם צוקונפטיקן בלוט-גאָד. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך אין דעם שריפטשטעלער נישט פאַרגעסן. אַלץ ענגער ווערט ער צוגעדריקט צו דער וואַנט און אַלץ גרעסער און דראָענדיקער פרעגט מען אים: מיט וועמען גייסטו? פאַר וועמען ביזטו? הלנו אתה אם לצרינו?

ער פרעגט דאָס איצט מיט דער פולער קלאָרקייט דער פּראָלע-טאַריאַט. אָבער די זעלבע פראַגע שטעלט שוין אויך גאַנץ אויסדריק-לעך דער אַלוועלטלעכער פאַשיזם. די פּאָליטיקער פון דער גאַנצער וועלט פאַרטראָגן אָרגאַניש נישט קיין נייטראַליטעט און לייקענען אויך, אַז זי איז מעגלעך. די ענטפערס פון די געפרעגטע זענען אָבער ווייט נישט אַזוי איינדייטיק ווי די פראַגן.

אין דער צייט, ווען אַ קלענער און אומבאַדייטנדיקער טייל האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווער אויף רעכטס און ווער אויף לינקס — האָט

די גרעסטע צאָל שריפטשטעלער פון ווערט נאָך קיין שטעלונג בכלל נישט גענומען. די עלטערע שרייבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער שטאַמלען. די פראַגע איז פאַר זיי, ווייזט אויס, אַ צו-האַרבע. זיי ווילן, דוכט זיך, איבערקומען די וועלט ווי נייטראַלע און זייער מעגלעך, אַז ס'וועט זיי אויך געלונגען. שלעכט איז די יונגע, יענע, וועלכע קומען און גרייטן זיך צו קומען. זיי וועלן זיך מער נישט אַרויסדרייען. זייער ענטפער מוז קומען אַזוי קלאָר און מעסער-שאַרף, ווי די פראַגע, וועלכע ווערט זיי געשטעלט. עס איז אויך קלאָר, אַז די שאַרפקייט פון דער פראַגע וועט וואַקסן פּראָפּאָרציאָנעל צו דער פאַרשאַרפטקייט פון קאַמף צווישן די קלאַסן. דער פאַקט, וואָס מען האָט אין סאָוויעט-רוסלאַנד לעצטנס אַביסל אָראָפּגעלאָזט פון דער פּראָלעט-קולטישער פאָדערונג, איז נאָר אַ רעזולטאַט פון דער ציטעווייליקער פאַציפיסטישער און בויערישער שטימונג, וועלכע הערשט דאָרטן איצט. אין מאָמענט, ווען דער קאַמף וועט אויסברעכן, וועט מען זיכער פאָדערן קאַטעגאָריש, אַז דער שרייבער זאָל דינען מיט זיין פען אַזוי גוט און א ײ נ ד י י ט י ק ווי דער סאָלדאַט מיט דער ביקס. די זעלבע פאָדערונג וועט, אָן שום ספק, אויך שטעלן דער צווייטער צד. פאַרן שרייבער איז אַ סך גלייכער זיך נישט צו מאַכן קיין שום אילוזיעס און קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין.

מיט שאַרטע באַשולדיקונגען טרעט אַרויס דער פּאָליטיקער פון דער היינטיקער צייט קעגן דעם קינסטלער, וועלכער פּרוּווט גאַנץ אָדער האַלב צו איגנאָרירן דאָס, וואָס קומט פאַר אַרום אים. שוין-זשע האָסטו בדעה אָן בושה צו שטיין מיט פאַרלייגטע הענט פון דערווייטנס און צוקוקן רויק פון דיין אָלימפּישער הויך ווי די אָרימע און אונטערדריקטע קעמפן קעגן זייערע באַצווינגער? — פרעגט איין צד. — צי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז גראָד דו, דער קולטור-שעפער און קולטור-טרעגער, זאָלסט צוזען ווי מען מאַכט חרוב די אייראָפּעאישע קולטור און זי נישט פאַרטיידיקן מיט אַלע כוחות?... פרעגט דער צווייטער צד. און ס'קאָן טאַקע באמת נישט איינעם ווערן אויפפאַלנדיק דער פאַקט, וואָס גראָד זיי, די לעבנסקענער און גריבלער, וואָס כאַפּן זיך אָפט אָן אין מינדסטן קלייניקייט און פאַרגרעסערן עס צו אומגלויבלעכע מאָסן; זיי, די מינירער פון יעדער איינגעשטעלטער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, די גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן, זענען פּלוצלינג געוואָרן טויב און בלינד, ווען עס זענען אקטועל געוואָרן עיקר-זאַכן. גראָד אין די אנטשיידנדיקע טעג, ווען דער רעוואָלט, וועלכן זיי האָבן אָנגעצונדן, נעמט ווירקן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, קומען זיי טאָר ווי דעזערטירן.



אַ מיאוסער חשד פאַלט אויף דעם דיכטער, דעם פערמענט פון דער געזעלשאַפט, נעמלעך: אַז ער איז אַ שיין-רעדער, אַ פּראַזעאָלאָג, וואָס איז נישט בכוח צו צאָלן זיינע וועקסלען, פאַר וועלכע ער האָט, מסתמא, קיינמאָל קיין דעקונג נישט געהאַט. אומזיסט האָט מען זיך געלאָזט נאַרן פון זיין פאַלשן פּאַטאָס. אַז עס איז געקומען די צייט, ווען פון חלומות קאָן ווערן ווירקלעכקייט, איז ער נישט בלויז נישט דער פאָרויסגייער, נאָר ער ווענדט אָן אַלערליי מעגלעכע קאָמבינאַציעס, כדי זיך אַרויסצודרייען אויך פון הינטער-פראָנט. אַזוי טראַכט אָן שום ספק מיט פאַרביטערונג נישט איין מענטש, וועלכער גייט אַליין מיט מסירת-נפש אין קאַמף און פילט דעם מאַנגל פון אַ קינסטלעריש ווערק, וואָס זאָל אים באַפליגלען, ווי אַמאָל-אַמאָל, בעת ער האָט געגלויבט אין דער בלוט-פאַריטעט פון וואָרט.

אָבער דער פּאָליטיקער באַניגנט זיך נישט מיט דער ראָל פון אַ פּראָקוראָר. ער איז אויך אַליין דער ריכטער, וועלכער פאַראורטיילט דעם שריפטשטעלער און דערקלערט אים פאַר באַנקראָט. די נייטראַליטעט זיינע טייטשט ער אויס אַלס פאַרמאַסקירטע און באַצאָלטע קעגנערשאַפט. טויזנט זינד געפינט ער אויף אים אויס, זינד, וואָס קאָמפּראָמיטירן אים נישט בלויז אַלס מענטש, נאָר אויך אַלס קינסטלער. די קאָנסעקווענץ דערפון איז: דער פּאָליטיקער נעמט זיך אַליין „אָרגאַניזירן“ די קונסט. פּאָליטיקער זענען בטבע אָפּטימיסטן. אויב די האָפענונגען, וועלכע מ'האָט געלייגט אויף ראובנען, האָבן אָפּגענאַרט, דאַרף מען אים וואָס גיכער פאַרטרעטן מיט שמעונען. צום וואָרט קומט דער גאַנצער אָדער דער האַלבער גראַפאָמאַן, וועלכער ווייזט זיך פּאַקטיש אַרויס פאַר אַ סך דיסציפּלינירטער און אַ סך לייכטער איינצובייסן. אמת, עס פעלט דידאָזיקע מענטשן דער ווירקונגס-כוח פון אַ קינסטלער. אָבער דער געשמאַק איז עפּעס, וואָס מ'קאָן מיט דער צייט פאַרדאַרבן. מען וועט אַזוי לאַנג קאָנסומירן און געניסן דעם סוראָגאַט, ביז מען וועט זיך צו אים צוגעוווינען. וואָס טוט מען נישט ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער פאַרווירקלעכונג פון אידעאַלן, אויף וועלכע דורות האָבן געוואַרט!

פונדעסטוועגן: וואָס אַזוינס פאָדערט דאָך דער פּאָליטיקער פון שרייבער? וואָס פאַראַ מיטלען האָט דער לעצטער אין זיין רשות? און פאַרוואָס טאַקע פּלאָנטערט ער מיט דער צונג ווי אַ דערשראָקענער גימנאַזיסט און ענטפערט טויזנט תשובות אַנשטאָט איינער? זענען פּאַקטיש דער עגאָאיזם און די פּחדנות פון שרייבער אַזוי גרויס, ווי די

פּאָליטיקער שטעלן דאָס פֿאַר? אָדער האָט די פֿאַרלעגנהייט פֿון שרייבער דאָך אַן אַנדער מקור?

עס איז פֿאַר קיינעם קיין ספק נישט, אַז די אייגנטלעכע אויסגאַבע, וועלכע די פּאָליטיקער ווילן ביים היינטיקן טאָג אַרויפֿלייגן אויף די שרייבער, באַשטייט נישט אין עפּעס אַנדערש ווי אין—וועקן האַס צווישן די קלאַסן. אָן שנאה איז נישט מעגלעך קיין קאַמף. די שנאה איז דאָס פֿערד, אויף וועלכן דער פּאָליטיקער רייט. די לעצטע וועלט-מלחמה האָט אונז געוויזן נישט בלויז די גרוילן פֿון רציחה, נאָר אויך דאָס טייוולאָנישע בילד פֿון שנאה און שנאה-מאַכערייַ. מיט וואָס האָט מען זיך אַלץ נישט באַנוצט כּדי אַרויסצורופֿן דעם גרויסן האַס, וועלכער איז נויטיק געווען פֿאַר אַזאַ בלוט-באָד! אָבער די קלאַסן-מלחמה, וועלכע ווערט איצט צוגעגרייט, וועט געוויס ווייט איבערשטייגן די פֿריערדיקע און אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע מוז וואַקסן די שנאה-אינדוסטריע. די פּרעסע, די אַגיטאַטאָרן, דער גאַנצער אַפּאַראַט צו פֿאַרשפּרייטן האַס—קלעקן נישט; מען דאַרף אויך האָבן פֿאַר דער זאַך דאָס בוך, דאָס קינסטלערישע בוך — אַזוי האָבן באַשלאָסן אַלע פּאָליטיקער סיי פֿון רעכטס, סיי פֿון לינקס. די צאָל לייענער און קונסט-געניסער וואַקסט. מען מוז זען די קונסט וואָס גיכער „אוטיליטאַריזירן". אַ שאָד, אַזאַ גרויסע קראַפֿט זאָל גיין לאיבוד...

באַלד נאָך דער וועלט-מלחמה האָט מען פֿון אַלע זייטן געהערט דעם ווייַ-געשריי קעגן בלוט-פֿאַרגיסונג. מען האָט אויף אַ ווייַלע פֿאַרגעסן אין אַלע טעאָריעס און חשבונות. ביים אָנבליק פֿון גרויסן חורבן, האָבן אַ סך זיך אויף אַ ווייַלע אויסגעניכטערט און מען האָט דערזען דעם אומזין, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן. שלום, אייביקער שלום—איז אויף איינמאָל געוואָרן כּמעט אַלעמענס לאָזונג. עפּעס אַזוינס טאָר זיך נישט איבערחזרן. דער מענטש איז פּשוט געווען איבערזעטיקט מיט רציחה. דער גרויסער און אַלטער אמת, אַז אין אַ מלחמה געווינט קיין שום צד נישט, האָט אויף אַ מינוט אויפֿגעלויכטן אין אַלעמענס מוחות. אָבער דעם מענטש איז נישט באַשערט קיין מנוחה. מ'האָט נאָך נישט באַוויזן צו באַגראָבן די מתים, ווי די פּאָליטיקער און די אָנהענגער זייערע האָבן גלייך פֿאַרגעסן אין אַלעמען. די אייביקע פּרייַזיקער פֿון אָנפֿאַל און רעוואַנש האָבן צוריק אויפֿגעהויבן זייערע קעפּ. איצט, נאָך עטלעכע יאָר (אויף די וויסטע פֿעלדער פֿון פֿראַנקרייך וואַלגערן זיך נאָך טויטע און שראַפּנעלן; דאַ נישט לאַנג איז מען געפֿאָרן אויף די קברים פֿון 400.000 געפֿאַלענע, וואָס ליגן אַרום ווערדן), איז שוין די לופֿט אויפֿסניי צעקלונגען



צון קאַמף-לוסט. דאָס יונגע דור, וואָס האָט נאָך נישט געשפּירט אויף דער אייגענער הויט דעם טעם פֿון מעסער, איז אומגעדולדיק. אמת, די איצטיקע (די מאָרגנדיקע) וועלט-מלחמה קאָן אפֿשר פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָפֿענער שלאַכט צווישן די צוויי קלאַסן. אָבער צי וועט זי דערפֿאַר זיין ווייניקער שרעקלעך? וועלן זיך דען נישט איבערחזרן די אַלע רציחות, וועלכע מיר האָבן ציגעזען מיט די אייגענע אויגן און וועגן וועלכע מיר האָבן געלייענט אין דאָקומענטן? ווידער וועלן מענטשן ברענען ווי פֿאַקלען, ווידער וועלן סאָלדאַטן צעהאַקן געפֿאַנגענע מיט האַק (באַרבים). ווידער וועט אַ בלי טון די פֿעלד-כירורגיע, ביי וועלכער מען האַקט אַראָפּ פֿיס צוזאַמען מיט די שטיוול. אמת, די פּאָליטיק-מאַכער טראַכטן נישט וועגן דעם און ווילן דאָס נישט זען. דערצו האָט זיי גאָט באַשאָנקען מיט זייער אַ שוואַכער פֿאַנטאַזיע. די זיכערקייט אין זיג איז אויך כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מענטשן אָן יעדער פֿאָרשטעלונגס-קראַפֿט. קיין שום מלחמה גיט נישט קיין גאַראַנטיעס. די איינציקע גאַראַנטיע, וואָס אַ מלחמה גיט, איז: אַז אַלע מעגלעכע נבלות וועלן אין איר אָפּגעטון ווערן; אַז אַלע פֿינסטערע כּוחות וועלן זי אויסנוצן צוליב זייערע מיאוסע צילן; אַז מיליאָנען אומשולדיקע וועלן אומקומען אין די גרעסטע יסורים און ווערן קאַליקעס. נישט אומזיסט איז רעמאַרק ביים היינטיקן טאָג פֿאַרהאַסט סיי פֿון די רעכטע, סיי פֿון די לינקע. „רעמאַרקשטשיזנע" איז אַ זידל-וואָרט אַפֿילו אין ראַטן-פֿאַרבאַנד. נישט אַזעלכע ביכער ווי „אויפֿן מערב-פֿראָנט קיין נייעס" פֿאָדערט איצט דער פּאָליטיקער. נישט ביכער, וואָס דערנענטערן מענטשן, זענען אים נויטיק, נאָר אַזעלכע, וואָס העצן אָן איינעם אויפֿן צווייטן.

אָבער צי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז אַ קונסט-ווערק זאָל לויט זיין טענדענץ זיין העצעריש? ליגט דאָס אין דער מעגלעכקייט פֿון אַ קונסט-ווערק אַרויסצורופֿן שנאה צו אַ כּלל? און צי קאָן אַ קינסטלער בכלל דענקען לויט די קאַטעגאָריעס פֿון פּאָליטיקער?

---

פּאָליטיקער און קינסטלער—וואָס פֿאַראַ ווילדער שידוך! דער ערשטער געדענקט נישט און טאָר נישט געדענקען, אַז זיין סאָלדאַט (און אויך יענעמס, דעם צווייטן צדס...) האָט טאַטע-מאַמע, אַ פֿרוי מיט קינדער; אַז דער סאָלדאַט דענקט, פֿילט און וויל. דער פּאָליטיקער איז אַ בלינדער אַקוראַט ווי זיין געווער, די שנאה, איז בלינד.

All-out condemnation of the politician

אײנזײטיקײט—דאָס איז דער פּסיכישער אַטריבוט [illegible] ײדו פּאָליטיקער.
יעדער פּאָליטיקער גלויבט, ווי טורגעני[illegible] אַז
מענטשן זענען ענלעך צו זיך ווי ביימער אין וואַלד. ע[illegible] אַז
עס זעבען פאַראַן כאַראַקטערן, אָבער ער האַלט כאַראַקטער פאַר עפּעס
אַ טפל-זאַך. דער פּאָליטיקער לייקנט אין דער אינדיווידואַליטעט און
דערפאַר איז ער אַ מערדער. דער פּאָליטיקער — דער היינטיקער צי
דער מאָרגנדיקער—ער איז נישט עפּעס קיין איינזאַמע צופעליקע דער·
שיינונג. ער איז לויט זיין כאַראַקטער דערזועלביקער אין יעדן
דור. שוין טויזנטער יאָרן ווי ער שטעלט זיך צילן, אַלעמאָל כלומרשט
אַנדערע, אָבער תמיד אַזעלכע, וואָס פאָדערן בלוט. מיר האָבן אים
שוין געזען אַלס פירער פון אַ באַנדע רויבער און אַלס וועלט·
רעטער; אַלס פּאַרטיידיקער פון קריסטענטום און אפילו פון
אָרימע און אונטערדריקטע. מיליאָנען עקספּרימענטן האָט ער שוין גע·
מאַכט אויפן לייב פון דער מענטשהייט. אין אַלע ציטן האָט ער גע·
שטרעבט אָדער גליקלעך צו מאַכן דורך אָנפאַל דעם קיבוץ, וועלכן
ער האָט פאַרטרעטן (די גרויס פון דעם קיבוץ איז גלייכגילטיק),
אָדער דעם זעלבן קיבוץ צו פאַרטיידיקן. דער איצטיקער קאַמף איז
דער לעצטער! דער איצטיקער נצחון וועט זיין אַן ענדגילטיקער! —
דאָס איז דער לאָזונג. אונטער וועלכן ער מאַרשירט פון אייביקע
ציטן, טוענדיק זיין קיילערישע אַרבעט. דער פּאָליטיקער, — אויב ער
איז נישט געווען קיין פּשוטער שווינדלער און דעמאַגאָג, — איז ער
אַלנפאַלס שטענדיק געווען אַ טעמפּער מענטש, אַ פאַנאַטיקער, וואָס
האָט מיט זיין געצנדינערישן קאָפּ געגלויבט, אַז דאָס גליק פון זיינע
מיטבירגער פאָדערט מענטשן-קרבנות און ער איז עס דער טרייער
כהן ביים מזבח. זיינע גראָבע הענט זענען אין אַלע ציטן געווען
אויסגעשמירט מיט בלוט. אויב דעם מענטש איז באַשערט געווען צו
פאַרגיסן זיין בלוט אויף דער ערד—איז ער אַלענפאַלס געווען די
רוט, וואָס האָט אים געטריבן דערצו. ווו ער האָט זיך באַוויזן, האָט
ער אויסגעליידיקט די שטובן, אַרויסגענומען פון דאָרטן די זין, חרוב
געמאַכט די היימען. ער איז דער, וואָס האָט צעטרעטן פעלדער,
פאַרשלעפּט מגפות, פאַרניכטעט ביבליאָטעקן און קונסט-ווערק. זיין
נצחון איז ענדגילטיק קיינמאָל נישט געווען, אָבער שטענדיק האָט
ער אָנגעטון אַ געליישט היטל און באַהאָנגען זיין ברוסט מיט מעדאַלן.
אַזעלכער איז געווען אַלעקסאַנדער פון מאַקעדאָניען, אַזעלכע זענען
געווען דזשינגיס-כאַן און נאַפּאָלעאָן. אַזעלכער איז ער, דער פּאָליטי·
קער, אַלצאיינס, צי ער זיצט אויפן טראָן, אָדער ער וויל דעם טראָן



זעסטערן. אוודאי האָט ער אַ נאָז פאַר דער צייט און קאָן זיך באַנוצן
אַלעמאָל מיט דער שוואַכקייט און נאַרישקייט פון זיינע מיטמענטשן.
ער טוט אָן די מאַסקע פון עפּעס אַן אָריגינאַל, טוישט כסדר זיין
הויט און זיינע פראַזן, כדי די נאַאיווע זאָלן אים נישט דערקענען.
אָבער ער איז דאָך פאָרט אַזוי ענלעך צו זיך! עס איז דאָך ערשט
נאָר-וואָס אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם אַלטן מאָנומענט, ווו ער שטייט
מיט אַ פאַרראָסטעטער שווערד און שרעקט די פייגל.

דער פּאָליטיקער פירט אויס די געבאָטן פון דער געשיכטע —
וואָס דער מאָדערנער תּם און ער בוקט זיך פאַר דעם נייעם מולך.
די געשיכטע איז פאַר אונז!—דונערן מוסאָליני און היטלער. די גע·
שיכטע איז פאַר אונז!—רופן די דזשערזשינסקיס מיטן זעלבן קול. מיר
זינגען דער געשיכטע!—קוויטשען מיליאָנען תּלינים.— מיר האָבן באַוויזן,
מיר האָבן דאָקומענטן, מיר האָבן פראָפּעסאָרן און—מיר האָבן הערמאָטן
און טרינקענדיקע גאַזן און דראָט-פאַרצוימונגען. מיר קאָנען אויסשטעלן
אַ וועלט, מיר האָבן אַ פּרעסע, מיר האָבן אַ גרויסע גאַל-אינדוסטריע.
מיר גייען אויף אַן אייזערנער בריק...

אַט דיזאָזיקע לייט ווילן זיך משדך זיין מיטן קינסטלער.
ווער איז ער פאַר איינער?

עס געשעט אַז אַחוץ טעמפּע פּאָליטיקער ווערן פון צייט צו צייט
געבוירן מענטשן פון גאָר אַן אַנדער טייג. אפשר זענען עס קריפּלען,
אפשר זענען עס טעותים, וואָס די וועלט (אָדער גאָט) מאַכט. אָבער
זיי זענען דאָ אין יעדער צייט. זה לעומת זה עשה אלהים. צוזאַמען
מיט דער בלוטדורשטיקער חיה ווערט אַמאָל געבוירן דער מענטש פון
סענטימענט, דער מענטש, פאַר וועלכן די פלייש-אַריטמעטיק פון
פּאָליטיקער איז פרעמד און עקלדיק. ער זעט נישט אין מענטש אַ צי·
פער, אַ מיטל, נאָר אַ צוועק פאַר זיך. אַנשטאָט אַרמעען, זעט ער פאַר
זיך יחידים, וועלכע לאָזן זיך בשום-אופן נישט נעמען אַנגראָ. ער זעט
אין מענטש זיין צער און זיין האָפן, זיין עליה און זיין ירידה. די·
דאָזיקע זעלטענע מענטשן זענען אַלס כאַראַקטערן פונקט אַזוי ענלעך
צו זיך, ווי די פּאָליטיקער—צו זיך. צי זענען זיי געקומען ווי קריסט·
לעכע אַפּאָסטאָלן, אָדער ווי יידישע נביאים, ווי פילאָזאָפן, ווי גרויסע
דיכטער—זייער ענלעכקייט לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען. דיזאָזיקע
מענטשן האָבן אַלע געהאַט איין בשותפותדיקע אייגנשאַפט: זיי האָבן גע·
האַט און האָבן אָפענע אויגן צו זען, ווי אומגליקלעך דער מענטש איז.
דערין באַשטייט זייער טאַלענט. זיי זענען עס די אמתע קינסטלער.
גם זיי האָבן אין פאַרשידענע ציטן געהאַט פאַרשידענע נעמען און

true artist

פאַרשידענע אויסדריק־מעגלעכקייטן. יעדער איינער איז מיט זיין מהות אפשר געווען אַן אַנטיטעזע צום גאַנג און צו דער טענדענץ פון דער געשיכטע. זיי האָבן מיט זיך פאַרקערפּערט דעם גייסט פון פאַרקערטקייט. זייער פערזענלעכער גורל איז געווען און האָט געמוזט זיין: שווערע ליידן, יאוש, ווייל איר מאיעסטעט, די געשיכטע, איז געווען קעגן זיי. זייער געשריי האָט קיינעם נישט אָפּגעשראָקן און אין זייער שווייגן זענען זיי גלייך פאַרגעסן געוואָרן. אָבער דער ליידנדיקער, יענער, וועלכער איז געווען דאָס צילברעט פון אומגליק, האָט זיך אַביסל געטרייסט מיט זייערע ווערטער. אָנשטאָט צו ראַטעווען די וועלט, ווי יעדער איינער פאַר זיך האָט געהאָפט, זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין גייסטיקן אָפּיום פאַר שווער־געשלאָגענע. דאָס איז דער מאַקסימום, צו וועלכן זיי האָבן געקאָנט דערגרייכן, שווימענדיק קעגן שטראָם.

false artist

יאָ, דידאַקטיקע מענטשן דאַרפן אָנגערופן ווערן טאַלענטן להיפוך צו די ווירטואָזן. דער ווירטואָז איז דער אייביקער טאָפּלגייער פון טאַלענט און זיין געשפּענסט. דעם ווירטואָז האָט די געשיכטע באַשאַפן, כדי צו פאַרריכטן איר טעות, וועלכן זי האָט געמאַכט, באַשאַפנדיק דעם טאַלענט. דער ווירטואָז קאָן די „מלאכה" פון נביאות־זאָגן, דיכטן, פילאָזאָפירן פונקט ווי דער אמתער טאַלענט, אָבער גלייכצייטיק איז ער נישט דער פאַרניינער פון די „געשיכטע־מאַכער" נאָר זייער באַיאָער. ער איז אין אַלע צייטן געגאַנגען צוזאַמען מיטן פּאָליטיקער, אַקוראַט ווי דער הונט גייט מיטן יעגער. ער האָט באַגלייט דעם פריץ און דעם ריטער, ער האָט באַזונגען נצחונות און געקלאָגט אויף מפּלות; ער איז געווען דער, וואָס האָט געהעצט איין פאָלק קעגן צווייטן. ער האָט געהיטן „דאָס ראָד פון דער צייט" און איז פון איר באַלוינט געוואָרן. ער איז געווען און איז געבליבן דער ליבלינג פון אַלע פּאָליטיקער. צווישן זייערע גרויסע מאָנומענטן געפינט מען אויך אַמאָל זיינעם. ער איז געווען אַ פאַקטאָר און מען קאָן דאָס נישט לייקענען. דער טאַלענט איז אויך באַרימט געוואָרן, אָבער די שנאה צו אים האָט ערשט אויפגעהערט דאַן, ווען ער איז געוואָרן אומשעדלעך פאַרן פּאָליטיקער פון זיין צייט. דער פּאָליטיקער האָט אַזאַ כח, אַז ער קאָן אפילו ביי געוויסע באַדינגונגען אויסנוצן די אַנטיטעזע פאַר זיינע צילן. אַזוי־אַרום האָט געקאָנט געשען, אַז די נביאות פון אַ ישעיהו אָדער די רייד פון יעזוסן זאָלן מיט דער צייט ווערן קאַנאָניזירט דורך דער האַנט פון רוצח, דעם פּאָליטיקער, אַזוי ווי דער שיקוצל.



עס קלינגט קאָמיש, ווען מען הערט, ווי די פּאָליטיקער פון אַלע צדדים רעדן וועגן דעם, אַז די קינסטלער זענען פּאַסיוו, פּאַסן זיך נישט צו און נאָך ענלעכע טענות. די חוצפה פון דער חיה רעה איז אַזוי גרויס, אַז זי וויל אַלץ אַריינגעמען אין איר בלוטיקער שפּיל. אין איר בלינדקייט זעט זי נישט, אַז איר פאָדערונג איז אַן אַבסורד. דער אמתער דיכטער, ווי לאַנג ער לעבט, וועט קיינמאָל נישט דינען דעם רוצח. דער קינסטלער האָט צופיל ליב דעם מענטש, ער זאָל אים שיקן אַהין, וווהין עס וויל אים טרייבן דער פּאָליטיקער. ער האָט ליב דעם מענטש, ווייל ער קען אים. ער קאָן יעדע וויברירונג פון זיין נשמה. פאַרן פּאָליטיקער איז דער מענטש אַן איינפאַכע זאַך, פאַרן דיכטער אַ טייער קונסט־ווערק, אַן אינדיווידואום, עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן נישט פאַרגליכן ווערן און נישט פאַרטרעטן ווערן. די אידעע פון „אַ כפרה דער יחיד פאַרן רבים" האָט נאָר געקאָנט אַנטשטיין אינם קאָפּ פון פּאָליטיקער. פאַרן קינסטלער קאָן די קאַטעגאָריע פון קוואַנטיטעט בכלל נישט אָנגעווענדט ווערן לגבי דעם לעבן.

געוויס, דער פּאָליטיקער גייט מיט דעם כוח פון לאָגיק. ער האָט טויזנט ראיות דערויף, וואָס באַשטעטיקן, אַז דאָס, וואָס ס'געשעט, מוז געשען. אָט־דער שקלאַף פון דער נויטווענדיקייט זאַמלט אָן אין יעדער צייט אָן אַ שיעור באַווייזן, אַז דאָס, וואָס ער און אַנדערע טוען, איז דאָס געבאָט פון דער שעה. ער רייט אויף דער נויטווענדיקייט, ווי אויף אַ געהאָרכזאַם פערד. אין תוך אַמאָראַליש — איז ער דער גרעסטער לייקענער פון פרייען ווילן. אַממיינסטן באַווייזן ליפערן אים נאַטירלעך די פּאָליטיקער, וועלכע האָבן געלעבט פאַר אים. זיי זענען דאָך עפּעס זיינע לייבלעכע ברידער. זייער עקזיסטענץ און זייערע מעשים דינען אים אויך נאָך זייער טויט.

דער אמתער קינסטלער זוכט נישט קיין באַווייזן און דאַרף זיי נישט האָבן. דער, וואָס האָט געזאָגט „לא תרצח", האָט נישט געדאַרפט צו האָבן קיין פּראָפעסאָרן, וועלכע זאָלן זיינע רייד באַגרינדן.

דער קינסטלער איז דער הונט, וואָס בילט קעגן דער לבנה. זיין מהות איז דער שאַרפסטער פּראָטעסט קעגן מאַכן מענטשן פאַר פּיסלען. דער דיכטער איז דער פאַרקערפּערטער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו. ער קומט נישט צו זיין הכרה דורך דערפאַרונגען און ער וויל זי אויך נישט דורך דערפאַרונג קאָנטראָלירן. ער נוצט בלויז אָפט אויס די דערפאַרונג, כדי פּלאַסטיש איבערצוגעבן דאָס, וואָס ער דערקענט פאַר יעדער דערפאַרונג.

אומזיסט פּרוווט דער פּאָליטיקער צוזאַמען מיט זיין משרת, דעם

ווירטואָז, וואַרפן זיך אויפן דיקטאַטער און אים צוציען מיט גוטן אָדער מיט בייזן. דער דיקטאַטער וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין העצער. נישט בלויז ער וועט נישט העצן דעם רייכן קעגן דעם אָרימען, נאָר ער וועט אפילו נישט העצן דעם אָרימען קעגן רייכן. דער דיקטאַטער איז אין זיין נאַטור נישט קיין כירורג, וואָס קלויבט אויס צווישן איין שלעכטן און דעם אַנדערן. ער גלויבט אויך נישט, אַז פון רשעות קאָן אַרויסשפּראָצן גוטס. דער פּאָליטיקער כאַרלאַנגט ביים דיקטאַטער קרעדיט. פּראָוואָצירט מיר אַביסל האַס און איך וועל עס פאַרוואַנדלען אין טויזנטפאַכער ליבע און גליק—זאָגט דער פּאָליטיקער צום טאַלענט. אָבער דער דיקטאַטער איז צופיל פּעסימיסט, ער זאָל גלויבן אין אַזעלכע גליקן. ווען דערקלערט דער פּאָליטיקער, אַז דער טאַלענט איז שעדלעך, ער פאַרליזירט די „אַרבעט". אָבער נישקשה, דער פּאָליטיקער איז גענוג שטאַרק און ער וועט דאָס זייניקע אויספירן אָן דער הילף פון אַביסל סענטימענטאַלע „אומלאָגישע" מענטשן, כאָטש ס'איז מעגלעך, אַז זייער צאָל (אַריך צווישן נישט-קינסטלער) איז אַ סך גרעסער ווי מען מיינט.

דער דיקטאַטער קאָן געצווינגען ווערן צו שווייגן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט—בלייבנדיק טריי זיך אַליין—צולייגן קינסטלעריש זיין האַנט צו קאַמפן וועלכע ווערן געפירט מיט דער הילף פון תפיסות, באַגנעטן און פעלד-געריכטן; ער וועט קיינמאָל נישט פאַראורטיילן דעם פּחדן, וועלכן די בעלי-מלחמה פון אַלע צדדים האָבן אַזוי פיינט, און נישט פאַרהאַנדלט ווערן אין קיין גייסטיקן פעלד-זשאַנדאַרם, אפילו ווען ער זאָל זיך פולשטענדיק איבערצייגן, אַז דער וועג פון דעם פּאָליטיקער איז דער איינציק-מעגלעכער.

און אפשר איז ער פאָרט נישט דער איינציקער?...

---

דאָס איז אַ פּערזענלעכער ענטפער אויף דער פראַגע. כדי דאָס געזאָגטע גענוגנדיק צו באַגרינדן, דאַרף מען זיין אַ וויסנשאַפטס-מענטש. עס איז קלאָר, אַז זייער אַ סך פאַקטן זענען קעגן דעם. בייראָן האָט בפירוש געהעצט די גריכן און איז געווען אַ באַטאַליסט. מיצקעוויטש האָט געהעצט קעגן די רוסן און אפילו געוואָלט גיין קעגן זיי מיט דער שווערד. דאָסטאָיעווסקי האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט די געלעגנהייט צו רעדן שלעכטס אויף יידן, פּאָלאַקן און דייטשן. עס איז כמעט נישט פאַראַן קיין דיכטער, וואָס זאָל נישט האָבן אַזוי אָדער אַנדערש געהעצט קעגן דעם אָדער יענעם כלל און גערופן צו



קריג. אָבער דער מענטש (און אויך דער קינסטלער) איז נישט אַזוי אָדער אַזוי, נאָר אַזוי און אַזוי, ווי בערנע זאָגט. אין זיין האַס איז דער דיכטער קיין דיכטער נישט, ווייל עס פעלט אים דאָסמאָלס איינער פון די הויפּט-באַדינגען, וואָס מאַכן מעגלעך די דיכטונג: דאָס זעען. בנוגע דעם, וועלכן מיר האַסן, זענען מיר בלינד. דערוואָויקער כלל איז גילטיק אפילו פאַר די גרעסטע גייסטער. זיין, ווי אַ נאַציע, וואָס ווערט אַממייסטן געהאַסט איף דער וועלט, איבערצייגן זיך אָפּט אין אָט-דעם אמת...

ס'וואָלט געווען דערהויבענע אַרבעט פאַר אַ ליטעראַטור-קריטיקער צו באַווייזן די דעדוקציע, אַז: די גרויסע דיכטער זענען אין זייער קנאה געווען נישט העכער פון דעם דורכשניט, און אַז זייער גאַנצע אינדיווידואַליטעט האָט זיך אַרויסגעוויזן ערשט דאַן, ווען זיי האָבן זיך באַצויגן צו זייער אָביעקט מיט ליבע.

י. באַשעוויס.